ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ל״ג בעומר

**(חלק כב)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע חג הפסח, יג־יט ניסן, ה׳תשפ״ד (ב)

# Likkutei Sichot

Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ל״ג בעומר

א. בנוגע דער שמחה אין דעם טאָג פון ל״ג בעומר, ווערן געבראַכט כמה טעמים ומהם:

א) די תלמידים פון ר׳ עקיבא (וואָס „מתו מפסח ועד עצרת״[1]) „פסקו מלמות״[2].

ב) ס׳איז הילולא דרשב״י[3] — דער יאָרצייט פון רשב״י[4] (וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל זיך פרייען ביום הסתלקותו[5]).

אַלע ענינים פון תורה זיינען בדיוק. דאַרף מען זאָגן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ שייכות בתוכן ועניין צווישן די צוויי מאורעות הנ״ל, נוסף ע״ז וואָס רשב״י איז תלמידו של רע״ק.

דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די שייכות צווישן דעם וואָס תלמידי רע״ק „פסקו מלמות״ צו הילולא דרשב״י?

ולכאורה, אדרבה — ס׳איז אַ דבר והיפוכו: רשב״י איז דאָך געווען איינער פון די חמשה תלמידים פון ר׳ עקיבא וואָס זיינען געבליבן לעבן און „הם העמידו תורה״[6]. הייסט עס דאָך, אַז די שמחה דערפון וואָס תלמידי רע״ק פסקו מלמות איז מדגיש ווי ל״ג בעומר איז אַ טאָג וואָס רשב״י, און די אַנדערע תלמידים (והאחרונים) דרע״ק, בלייבן בחיים — דער היפך פון הסתלקות (דרשב״י)!

וי״ל הביאור אין דעם: אין דעם יום ההסתלקות פון אַ צדיק קומען זיך צוזאַמען „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״[7], וואָס דאָס (מעשיו וכו׳) זיינען חייו האמתים[8], איז פאַרשטאַנדיק, אַז ביום ההסתלקות[9] דערגרייכט ער זיין שלימות[10], און דאָס איז מאיר בגילוי.

און וויבאַלד אַז די עבודה פון רשב״י איז געווען היפך פון די (כ״ד אלף תלמידי רע״ק ש)מתו[11], זי איז אַן עבודה וואָס ברענגט צו „פסקו מלמות״ (כדלקמן) — דעריבער איז זיין הילולא (ווען שלימות עבודתו איז מאיר בגילוי) אין דעם טאָג פון „פסקו״ — ל״ג בעומר[12].

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: וויבאַלד אַז פון די חמשה תלמידי רע״ק איז דוקא

1) יבמות סב, ב.

2) מאירי שם בשם הגאונים. טושו״ע (ודאדה״ז) או״ח סתצ״ג ס״ב (ס״ה).

3) זח״ג רצו, ב. ועייג״כ זח״א ריח, א.

4) פע״ח שער ספירת העומר פ״ז. ובכ״מ.

5) עיין פע״ח שם. וראה ד״ה להבין ענין הילולא דרשב״י בסה״מ אדה״ז תקס״ד (ע׳ קא) ועוד — בטעם שעושין שמחה אף שנקבע תענית על מיתת צדיקים. וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 343 בהערה, וש״נ.

6) יבמות שם. — ובב״ר (פס״א, ג) וקה״ר (פי״א, ו) ז׳ תלמידים.

7) אגה״ק סי׳ זך.

8) ראה ביאור אגה״ק הנ״ל „נודע שחיי הצדיק אינם חיים בשרים*, כ״א חיים רוחניים״.

9) להעיר ממש״נ: ויהיו חיי גו׳ שני חיי שרה (כולן — ביום אשר) ותמת שרה.

10) ראה בעניננו — סידור שער הל״ג בעומר (דש, סע״ב ואילך).

11) להעיר מזח״ב קצ, ב.

12) ראה שער הכוונות ענין ספה״ע דרוש יב: רשב״י ע״ה הוא מחמשה תלמידיו הגדולים של ר״ע ולכן זמן שמחתו ביום ל״ג לעומר כפי מה שביאר לעיל ביום ל״ג לעומר (ע״ש).

*) כנראה צ״ל „בשריים״ (ב׳ יודין), כמו „רוחניים״ שבהמשכו.

די הסתלקות פון רשב"י געווען בל"ג בעומר, דאַרף מען זאָגן אַז דער ענין פון „פסקו מלמות" האָט אַ שייכות מיוחדת צו אים, מערער ווי צו די אַנדערע פיר תלמידים —

מיט וואָס איז רשב"י אויסגעטיילט בענין זה פון די אַנדערע פיר תלמידי רע"ק?

ב. וי"ל בהקדים הביאור אין דעם מאמר חז"ל[13] אַז די כ"ד אלף תלמידי ר' עקיבא „לא נהגו כבוד זה לזה". דלכאורה תמוה:

ר' עקיבא איז דאָך דער בעל המאמר אַז „ואהבת לרעך כמוך — זה כלל גדול בתורה"[14]. היינט ווי קען זיין, אַז תלמידיו — וואָס תורת אמת רופט זיי אָן תלמידי רע"ק — זאָלן ניט נוהג זיין כבוד זה לזה?

איז איינער פון די ביאורים אין דעם[15]: יעדערער פון די תלמידי רע"ק האָט געהאַט זיין וועג ווי ער האָט פאַרשטאַנען תורת רבו[16] און לויט דעם געדינט דעם אויבערשטן (ביי איינעם איז דער עיקר געווען — אהבת ה', ביי אַ צווייטן — יראת השם, אא"וו); איז יעדערער געווען אַזוי דורכגענומען[17] מיט זיין אופן הלימוד והעבודה, ביז אַז ביי יעדן פון זיי האָט זיך אָפּגעלייגט אַז דער וואָס פאָלגט ניט נאָך דעם דרך, פעלט אים אין שלימות.

13) יבמות שם.

14) ספרא עה"פ (קדושים יט, יח).

15) ראה בכ"ז גם לקו"ש ח"ז ע' 3־342. וראה גם חל"ב ע' 149 ואילך.

16) כי אין דיעותיהן שוות (ראה ברכות נח, א. סנה' לח, א). וראה אבות (פ"ב מ"ט־י) ה' תלמידים היו לו לריב"ז א"ל צאו וראו איזו היא דרך טובה שידבק בה האדם, וכאו"א אמר דבר שונה מכל השאר. — וראה המשך תער"ב פרק יג.

17) להעיר מתניא פ"ה „והוא יחוד נפלא כו' מכל צד כו' דם ובשר כבשרו כו'".

און וויבאַלד זיי זיינען געווען תלמידי רע"ק וואָס האָט זיך „געקאָכט" אין דעם ענין פון „ואהבת לרעך כמוך", האָט יע־דערער פון זיי זיך ניט באַנוגנט מיט דער אייגענער עלי' מחיל אל חיל, נאָר ער האָט זיך משתדל געווען צו משפיע זיין אויף אַלע זיינע חברים אַז אויך זיי זאָלן דינען דעם אויבערשטן דוקא אויף זיין דרך.

און ווען די אַנדערע תלמידים האָבן ניט מקבל געווען דעם דרך (זייענדיק דורכגענומען מיט זייער דרך העבודה) — איז „לא נהגו כבוד זה לזה": זייענדיק אנשי אמת (ניט ח"ו „אחת בפה ואחת בלב"[18]), האָט ניט געקענט זיין קיין ריכטיקער רגש של כבוד פון איינעם צום צווייטן, היות אַז לדעתו האָט ביים צווייטן געפעלט אין שלימות דעבודתו ית'.

ג. וויבאַלד אַז זיי זיינען געווען תלמידי רע"ק, איז פאַרשטאַנדיק, אַז אָט דער סדר העבודה פון תלמידי רע"ק — צו זיין אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן יעדערער אין זיין אופן העבודה, ביז ניט צו געבן קיין אָרט אַז אַן אַנדער דרך קען אויך האָבן שלימות — האָט אַ שרש אין עבודת רע"ק עצמו.

וי"ל די הסברה בזה: רבי עקיבא איז כל ימיו געווען בתשוקה און אין דעם ענין פון מסירת נפש. ווי די גמרא[19] זאָגט, אַז ר' עקיבא האָט געזאָגט לתלמידיו: „כל ימי הייתי מצטער .. מתי יבוא לידי ואקיימנו".

מסירת נפש איז אַן ענין וואָס נעמט דורך דעם מענטשן אינגאַנצן. ווען

18) רש"י וישב לז, ד.

19) ברכות סא, ב.

איינער שטייט אין מסירת נפש, בלייבט ניט קיין זאַך בנפשו וכו׳ וואָס זאָל ניט דורכגענומען ווערן פון דער מסירת נפש.

און דאָס איז אויך געווען דער סדר עבודה פון די כ״ד אלף תלמידי ר׳ עקיבא:

זיי האָבן מקבל געווען פון ר׳ עקיבא׳ן אָט די תשוקה צו מסירת נפש, ובמילא איז יעדער ענין פון עבודת ה׳ ביי זיי געווען מיט אַ מסירת נפש, פאַרנומען און דורכגענומען זייער גאַנצע מציאות. זיי זיינען געווען אַזוי איבערגעגעבן צו דעם ענין בכל לב ונפש, ביז אַז ס׳איז (באותה שעה) ניט געווען קיין אָרט פאַר אַ צווייטן ענין.

ד. אעפ״כ, ניט קוקנדיק אויף דעם גודל העילוי פון זייער עבודה, איז עס געווען ניט כפי הכוונה בשלימותה.

די עבודה פון מסירת נפש אַליין ברענגט דעם מענטשן צו „רצוא״ — ווערלן „אַרויסגיין״ פון וועלט און אויס־גיין צום אויבערשטן בכלות הנפש; און דעריבער, אע״פ אַז פאַר זיי איז עס אַן עילוי גדול ביותר — עבודה מתוך מסירת נפש — איז עס ניט כפי שלימות הכוונה, ווייל די כוונה עליונה איז אַז דער מסירת נפש, „רצוא״, זאָל אַראָפּקומען און נאָכ־מער ברענגען צו „שוב״, ממשיך זיין אלקות למטה[20]. וואָס דאָס ווערט אויפ־געטאָן דורך אַן עבודה מסודרה דוקא, עבודה ע״פ טעם ודעת.

וי״ל אַז דאָס איז אויך דער פירוש (הפנימי) פון מחז״ל[13] „וכולן מתו . . מפני שלא נהגו כבוד זה לזה והי׳ העולם שמם״: וויבאַלד אַז זייער עבודה איז גע־ווען אין אַן אופן פון מסירת נפש ורצוא, איז דער עולם, די וועלט למטה, געווען „שמם״ — ניט אַ מקום דירה „ישב אדם שם״ נאָר ע״ד מדבר דקדושה[21], ס׳איז ניט געווען קיין המשכת אלקות באופן דעיקר בקביעות למטה.

און דאָס איז געווען דער אויפטו פון די חמשת תלמידים וואָס „הם העמידו תורה״ — די עבודה פון „שוב״[22].

— זיכער איז אויך ביי די תלמידים, תלמידי רע״ק, געווען די מסירת נפש. ביי זיי איז עס אָבער געווען אדרבא — אין דעם אופן בשלימות ווי ס׳איז גע־ווען ביי ר׳ עקיבא רבם, וואָס זיין „רצוא״ איז געווען אין אַן אופן פון „נכנס בשלום (ובמילא האָט עס גע־בראַכט צו) ויצא בשלום״[23]: זיין מסירת נפש ורצוא איז געווען מלכתחילה, ווען „נכנס (אין אַן אופן פון) בשלום״ — באופן אַז דאָס זאָל אים ברענגען שפע־טער צו „יצא בשלום״ „שוב״; זיין ווערלן זיך באַהעפטן צום אויבערשטן מיט אַ כלות הנפש אָן קיין הגבלה, האָט אים געבראַכט צו אַ תוס׳ חיות ביז בשלימות — אין דער עבודה פון המשכת אלקות למטה.

20) ראה תו״א כה, ב. ד״ה כתוב באוה״ח בסה״מ אדה״ז אתהלך לאזניא (ס״ע לג). ובארוכה — ד״ה וכל הלבבות באוה״ת אחרי (כרך ב ע׳ תקלח). ד״ה אחרי מות תרמ״ט. לקו״ש ח״ג ע׳ 988 ואילך.

21) ראה לקו״ת במדבר ב, ג. שם ד, ג ואילך.

22) ראה תו״א שם, שלכן הי׳ רע״ק מקור כל תורה שבע״פ דכולהו אליבא דרע״ק (סנהדרין פו, רע״א), כי תורה היא מבחי׳ תיקון. ע״ש.

23) חגיגה יד, ב (כגירסת הע״י. ירושלמי שם פ״ב ה״א). וראה תו״א שם. ד״ה אחרי מות שם בסופו. לקו״ש שם (ע׳ 990). ועוד.

ה. וויש לומר ע״ד הרמז, אַז דאָס איז דער טעם פאַרוואָס ל״ג בעומר איז אין דעם טאָג פון ח״י אייר:

ס׳איז ידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו[24] בנוגע צו ח״י אלול, אַז דאָס איז דער טאָג וואָס „גיט אַ חיות״ אין דער עבודה פון אלול. ועד״ז קען מען זאָגן בעניננו, אַז ח״י אייר (ל״ג בעומר) „גיט אַ חיות״ אין דער עבודה פון חודש אייר.

די הסברה אין דעם: וועגן די חדשים ניסן ואייר איז ידוע[25], אַז ניסן – חודש הראשון – איז כנגד מדת החסד, און אייר – חודש השני – איז כנגד מדת הגבורה.

וואָס דאָס איז איינער פון די ביאורים אין דער שייכות פון פטירת תלמידי ר׳ עקיבא מיט ימי הספירה (וואָס עיקרם איז בחודש אייר[26]) – ווייל די עבודה פון אייר איז אין דעם קו הגבורה, העלאה ממטה למעלה, רצוא.

קומט ל״ג בעומר און „גיט אַ חיות״ אין אָט דער עבודה, אַז דער רצוא והעלאה זאָל ניט זיין אין אַן אופן וואָס ברענגט צו „למות״ און „עולם שמם״, נאָר אדרבה – עס ברענגט אַ חיות (לעבן) אין דער עבודה, אַז זי זאָל ברענגען צו דער עבודה פון שוב[27] – „(נכנס בשלום ו)יצא בשלום״.

24) ס׳ השיחות תש״ה ע׳ 122. ועוד.

25) ראה ל״ת להאריז״ל פ׳ ויצא ד״ה ענין הז׳ כוכבי לכת. וראה לקו״ש ח״ח ע׳ 6. ועוד.

26) ראה לקו״ש ח״א ע׳ 263 ואילך. ועוד.

27) וה״ז שלימות גם בענין הרצוא. כי זה מורה שהאדם „הגיע״ ע״י הרצוא שלו לעצמות, ולכן נרגשת בו כוונת העצמות שהיא בענין ה„שוב״, דירה בתחתונים דוקא (משא״כ רצוא שאינו מביא לשוב, ה״ה בבחי׳ הגילויים).

ו. און דעם אופן העבודה געפינט מען בגילוי ביי רשב״י[28]:

די י״ג שנה וואָס ער איז געווען אין דער מערה, איז ער דאָך געווען בהתבודדות פון וועלט, ביז אַז כמה מצות מעשיות האָט ער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיי מקיים צו זיין, ער האָט זיי מקיים געווען נאָר ברוחניות הענינים[29]. וואָס דאָס איז אַן ענין פון „רצוא״;

אָבער דאָס גופא האָט אים געבראַכט[30], אַז אַרויסגייענדיק פון מערה, איז זיין סדר עבודה געווען ניט התבודדות און אַוועקגיין פון ישוב פון וועלט, נאָר אדרבה – „כל היכא דהוה מחי ר״א הוי מסי ר׳ שמעון״[31] – ער האָט געבראַכט אַ רפואה לעולם, און נאָך מער: „אמר איכא מילתא דבעי לתקוני״[32] – ער האָט געזוכט וואָס ער קען מתקן זיין אין וועלט.

ווייל ביי רשב״י – וואָס האָט געזאָגט „מדותי תרומות מתרומות מדותיו של ר׳ עקיבא״[33] – איז געווען בגלוי די שלימות אופן עבודת ר׳ עקיבא רבו, פון „נכנס בשלום ויצא בשלום״;

זיין אַריינגיין און זיין במערה (רצוא) האָט געבראַכט דעם „שוב״ – תיקון וישוב העולם.

28) לכללות סעיף זה ראה גם לקו״ש חי״ז ע׳ 309 ואילך.

29) לקו״ת ר״פ שמיני.

30) להעיר ממשנ״ת בלקו״ש שם, שעילוי זה נעשה רק לאחרי היותו שנת הי״ג בהמערה (משא״כ אחרי י״ב שנה אמר „מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה״) – שדוקא התבודדותו עוד שנה הביאה להנהגה דמסי ומפרק ר״ש.

31) שבת לג, ב.

32) שבת שם בסוף העמוד.

33) גיטין סז, א.

**און דוגמתו בלימוד התורה שלו**[34]**:**

**איידער זיין זיין במערה** „מקשי[32] **רשב"י ומפרק לי' רפב"י" און „תריסר פירוקי",**

**נאָך דער מערה „מקשי רפב"י** ומפרק **לי' רשב"י" און „עשרים וארבעי פירוקי" – כפלים לתושי'.**

(משיחות ש"פ אמור, ערב ל"ג בעומר, תש"מ)

34) **בל' הזוהר** (קס"א, ריש ע"ב) **קוב"ה אסתכל באורייתא וברא עלמא בר נש כו'**
**ובפרט רשב"י וואָס בי' אחידא כו' זח"ג רצב, א. וראה שם רפח, א).**